# אין מנהל'ס אפיס




די געוועגליכע קינדער גייט שוין מיט, אבער ווען עס קומט צו קינדער וועלכע דארפן עקסטערע הילף איז דא א גרויסע לאך וויאזוי זיך אפצוגעבן דערמיט באופן מסודר.

איך האב שוין פרובירט צו האלטן סדר אויף גוגל שיט, קליקאפ, אסאנא, פשוט'ע נאוט בוק, סטיקי נאוטס, קאלענדער, גוגל דאקס, ועוד, און נאכאלס פעלט א ריכטיגער מהלך.

איך קום אהיים סוף טאג שפירנדיג אז אזויפיל וויכטיגע זאכן זענען אינדערמיט, און פיל פון די שוועבן ארום מיין מח ברענגענדיג אנגעצויגנקייט און אומרואיגקייט.

ווען דער טאטע פון ברוך קומט צו PTA פרעגן איבער זיין קינד, האב איך נישט א קלארער צוזאמגענומענער בילד מיט די פולע אינפארמאציע.

דער ווייטאג איז זייער גרויס סוף יאר ווייסנדיג אז געוויסע קינדער וואלטן געדארפט באקומען נויטיגע הילף, נאר איך האב פשוט 'פארגעסן' צוליב דעם צעמישעניש.

## קלארקייט איז אלעס!

עס איז געקומען די צייט פאר קלארקייט פאר יעדן מנהל.

**עס איז געקומען די צייט פאר א 'פנקס'!**

yessage




# די געשיכטע פונעם 'פנקס'

ווער פארשטייט דען צו די שווועריגקייטן פון א מנהל, אויב נישט א מנהל זעלבסט?

זיין א מנהל איז זייער א שווערע און אחריות'דיגע אויפגאבע, יעדער מנהל פארמאגט אונטער זיך אומשאצבארע אוצרות פון לעכטיגע קינדער וועלכע דארפן נתחנך ווערן אלס ערליכע אידישע קינדער, מ'דארף לערנען מיט זיי די אותיות התורה, עברי, חומש, רש"י, משניות, גמרא, תוספות, מוסר, חסידות, מדות טובות, קדושה, אמונה, שבת, יו"ט, און נאך אסאך מער.

עס גייט אריין אזויפיל כוחות דורך א מנהל צו שטיין אין שפיץ פון די הנהגת התלמוד תורה, זיכער מאכן אז אלע מלמדים זענען איינגעשפאנט אין די עבודת הקודש, און יעדער האט זיינע צרכים צו קענען אויספירן זיין ארבעט כראוי.

אבער א גרויס חלק פונעם טאג פון א מנהל גייט פאר נאך א נושא, וואס אין די לעצטע יארן ווערט דאס נאר נתרבה, און דאס איז 'ספעציעלע הילף' פאר קינדער וואס פאר סיי וועלכע סיבה כאפן זיי נישט אויף די געווענליכע לימודים אין חדר, נאר זיי דארפן עקסטערע הילף דערצו.

עס איז פארהאן אזויפיל פעולות וואס מ'טוט דערצו, און עס פארלאנגט צו זיין בקשר מיט די עלטערן, וויסן וועלכע מהלכים מ'ארבעט אויף דעם קינד, מיטהאלטן די אנטוויקלונגען, און ס'איז פארהאן אזויפיל פרטים בשייכות צו די נושא.

ס'איז זייער שווער און אפי' אוממעגליך צו האלטן די אלע אינפארמאציע אין קאפ, דערפאר איז פארהאן אלע סארט מיטלען וויאזוי מנהלים זענען זיך מסדר צו האבן די אינפארמאציע קלאר פאר די אויגן, אבער במציאות ווערן אלע ליסטעס פארוואסערט, און ס'איז מורא'דיג שווער צו האבן א קלארקייט צו קענען באגלייטן די קינדער, און וויסן וואס עס דארף ווערן געטון דערוועגן.

איז א מנהל געזעצן אין אפיס, וועלכער האט געשפירט דעם ווייטאג פונעם צומישעניש אויף די אייגענע הויט, און האט מחליט געווען אז ער קען נישט אזוי ווייטער, נאר ער דארף א ספעציעלער פראגראם וואו ער זאל קענען האלטן אלעס מיט א מורא'דיגע קלארקייט.

ער האט געמאכט קשר מיט א דעוועלאפער, און אהערגעשטעלט א פראגראם פאר זיך אליין.

די הויפט ציל זענען געווען אז עס זאל זיין גרינג און פשוט, אויסגעשטעלט אויף 'אידיש', אלעס אויף איין פלאץ, און עס זאל ברענגען א קריסטאלענע קלארקייט, אז ווען מען מישט אויף א נאמען פון א קינד, זאל מען דארט זען 'אלעס' בנוגע דעם קינד.

עס איז אריינגעגאנגען לאנגע חדשים ארבעט צו אהערשטעלן דעם פראגראם, עס האט געקאסט צענדליגער טויזנטער דאלאר, מען איז געווען פארנומען אהין און צוריק אויף יעדן דעטאל, ביז דער מנהל האט אויסגעדרוקט צופרידנקייט, און דער פראגראם האט אים ממש גערעטעוועט.

ער האט צום ערשטן מאל אלס מנהל געשפירט סוף טאג אז ער האט 'געענדיגט' דעם טאג, און ער איז קלאר וואס ער דארף טון מארגן. ער האט צום ערשטן מאל אלס מנהל געקענט געבן פאר א טאטן א קלארער דעטאלירטער באריכט אויף זיין קינד מיט יעדן איינצעלהייט וויאזוי ער קען ביי די פארהערן, וועלכע נקודות ער דארף הילף, וואס מ'האט שוין געטון, און וואס עס איז דער פלאן אויף ווייטער.

**ער האט צום ערשטן מאל אלס מנהל געשפירט סוף טאג אז ער האט 'געענדיגט' דעם טאג, און ער איז קלאר וואס ער דארף טון מארגן.**

נאך א שטיק צייט וואס ער האט זיך ממש מחי' געווען מיט דעם נייעם אייגענעם פראגראם, האט דער מנהל געקלערט אז ס'איז ממש א שאד אז אזויפיל אנדערע מנהלים זאלן נישט שפירן דעם טעם פון רואיגקייט און קלארקייט, און עס איז נאך אסאך מער פון דעם, ווייל א מנהל מיט קלארקייט קען דאך אזויפיל מער אויפטון, ער קען אזויפיל מער מרומם זיין דעם מצב אין חדר בכלליות, און העלפן אזויפיל מער קינדער בפרטיות.

און דא איז געבוירן דער פראגראם וואס מיר שטעלן אייך אציגנד פאר: פנקס.

דער ווארט 'פנקס' איז עפעס וואס שטעלט פאר היסטאריש דער אופן וויאזוי מ'האט פאר דורות אוועקגעלייגט אינפארמאציע מיט א קלארקייט.

אציגנד ברענגען מיר דעם אפטייטש פון פנקס אלס א רייכער פראגראם פאר מנהלים צו האבן פאר די אויגן א געוואלדיגע בהירות, און אנשטאט צו שפירן מפוזר ומפורד צווישן אלע מהלכים פון האלטן ליסטעס און סדרי היום, ווערט אלעס צוזאמגענומען לפונדק אחד קלאר און מסודר.

אין רעזולטאט איז 'פנקס' אין איין שורה:

**דער מח פון א מנהל, קלאר און מסודר!**

# וואס איז פנקס?

## וואס איז פנקס?

פנקס - א פראגראם ספעציעל געבויעט דורך א גרופע מנהלים פארן באנוץ פון מנהלים צו קענען האלטן א קלארער אויפזיכט אויף יעדן קינד, מיט אלע אינפארמאציע, נאטיצן, דאקומענטן, טעסטס און רעמיינדערס פאר זיך, און אויך צו איבערגעבן אויפגאבעס פאר אנדערע.

## פאר וועמען איז פנקס?

פאר א מנהל אין תלמוד תורה אדער ישיבה, פאר קאארדינעיטאר פון חדר עזרה אדער אין ישיבה, און זייער פערזענליכע אפיס שטאב.

## וואס איז דער ציל?

פארגרינגערן די ארבעט פארן מנהל, אז אנשטאט צו האבן פילצאליגע מהלכים וויאזוי אוועקצולייגן אינפארמאציע, און שפרונגען פון איין מהלך צום צווייטן, זאל ער האבן א קלארער וועג וויאזוי אלע אינפארמאציע זאל ווערן צוזאמגענומען, צו קענען אלעס זען אויפאמאל, און קענען אהיימגיין מיט א רואיגקייט אז ער ווייסט פונקטליך וואס דארף ווערן געטון דעם קומענדיגן טאג.

לדוגמא קען מען זען די עוועליועשאן אויף א קינד, ווען און וויפיל ער האט געלערנט פריייוואט אדער געגאנגען צו טעראפי. אויך קען מען צוריקקוקן אלעס וואס מען האט געטוהן פארן קינד, ווי למשל אויב מען האט געקלאלט די טאטע אין כתה א' אז זיין קינד קען נישט אזוי גוט קיין עברי וכדומה, בלייבט דאס פארשריבן, און דאס העלפט צו האבן א קלארער בילד.

דער פראגראם ברענגט צוזאם א פיל גרינגערע צוזאמענארבעט צווישן דעם קאארדינעיטאר פון חדר עזרה מיטן מנהל, ווען יעדע זאך וואס דארף ווערן געטון ווערן קלאר דאקומענטירט, און גייט ארויף אויף די ליסטע צו ווערן געטון אינעם באשטימטן טאג, און ווי אויך צו שעירן די נויטיגע דאקומענטן אויפן זעלבן פלאץ.

## איז דאס א קאמפליצירטער פראגראם?

ניין. דער גאנצער רעיון איז אז עס זאל זיין וואס גרינגער און פשוט'ער פארן מנהל וואס איז נישט באקאנט מיט א קאמפיוטער. אויך איז דער גאנצער סיסטעם אהערגעשטעלט אויף אידיש אז ער זאל גרינג קענען ארבעטן דערמיט, אז די אינפארמאציע זאל זיין קלאר פאר די אויגן. און מ'דארף נישט קיין שום פריערדיגע קאמפיוטער עקספיריענס זיך צו קענען באנוצן דערמיט.

## פארמאגט דער סיסטעם סעקיוריטי?

זיכער, היות עס פארמאגט אזעלכע הייקעלע אינפארמאציע איז דא גאר שטארקע סעקיוריטי מאסנאמען כדי אז נאר די וועלכע מוזן צוקומען דערצו זאלן קענען ארבעטן דערויף.

## וויאזוי לייגט מען אריין די נעמען?

מען לאודט ארויף אן עקסעל ליסטע פון אלע קינדער וועלכע פארמאגט די ID פון דעם מוסד אפיס סיסטעם, און דערמיט זענען אלע נעמען ארויף אין געציילטע מינוטן. מ'קען אויך כסדר שיקן אפדעיטס דורך די ID צו די מוסד אפיס פראגראם און צוריק צו אפדעיטן סיי וועלכע אינפארמאציע.

## איז דאס א טייערער פראגראם?

עס האט ספעציעל צוגענגליכע פרייזן כדי מוסדות התורה זאלן קענען געניסן דערפון מיט הצלחה בעז"ה.

וואס איז די מעשה מיט שלום שטערן?

# דאס איז די מעשה מיט שלום שטערן!

קליקט דא צו זען
אלע טעסקס בנוגע
דעם קינד, בעבר
בהווה ובעתיד

א פלאץ אראפצושרייבן
לענגערע באריכטן אויפן קינד
שיין מסודר אויף איין פלאץ
מיט גרייטע טעמפלעטס

אטעטשמענטס/
רעפארטס
וכדומה וואס איז
דא אויף קינד

איבער דאס קינד גייט אדער
איז געווען פאר פריוואט
אדער טעראפיע קען מען
עס דא זעהן שיין מסודר

קינדס בעסיק
אינפארמאציע, שיין
מסודר. אנגעהויבן
בי נאמען, עלטערן,
טעלעפאן נומערן,
אדרעס, עלטער,
מעדיקעל, חבורות,
טעראפי, און נאך




א פלאץ צו
אראפשרייבן
נאטיצן און
באמערקונגען
אויפן קינד.

אלעס אויף
איין פלאץ

מנוחת הנפש און
הרחבת הדעת

גרינג און
סימפל

געבויעט
אויף אידיש

עפישענטע
צוזאמענארבעט

# טיילווייזער אריינבליק אינעם פראגראם

## טעראפי סקעדזשועל



## טעסקס פאר אלע קינדער



## קינדער ליסטע



## רעפארט איוף א קינד




## טעראפי קאלענדער פאר א קינד



## דאקומענטן טעב



## טעראפי סקעדזשועל פאר א קינד



# פרישע אפדעיטס - אב תשפ"ו לפ"ק

## פנקס — אפדעיט #1

### ספליטן די קלאסן

ווער באגרייפט דעם וואספארא מוטשעניש עס איז פאר א מנהל ווען עס קומט צו צעטיילן די קלאסן צום נייעם יאר, צו ביים אריינגיין אין כיתה א׳, ביים אריינגיין אין ישיבה קטנה, אדער אינמיטן די חדר יארן.

מען שטייט מיט ריזיגע ליסטעס פול מיט נאטיצן אויף יעדן קינד, מען דארף פארמאגן אן ׳איינשטיין קאפ׳ צו האלטן חשבון אויף אלע קינדער וועלכע טארן נישט זיין צוזאמען, אויף אלע קינדער וועלכע דארפן דוקא יא בלייבן אין די זעלבע כיתה, און צו די זעלבע צייט געדענקען אלע שטרענגע בקשות פון עלטערן בנוגע דעם ספליט, האלטן חשבון אויף די דרגא פון יעדן קינד, און איבערקוקן הונדערט מאל. אין יעדע ספליט ליגט ׳בלוט און שווייס׳.

**די גוטע נייעס:**

**מאכן א ספליט איז גרינג!**

- איר דארפט בלויז צוטיילן די קינדער לויט קאטעגאריעס
- אנצייכענען וועלכע קינדער עס קענען נישט גיין אינאיינעם
- צייכענען וועלכע קינדער זאלן יא בלייבן צוזאמען
- איר קענט שרייבן אויף יעדן קינד אלע סארט נאטיצן
- וועלכע קינד זאל נישט אדער יא אנקומען צו א געוויסע מלמד
- אצינד גיבט א קליק פאר דעם אויטאמאטישן גורל

איר האט אויך די מעגליכקייט צו זען די ווי פונעם קומענדיגן יאר, און מיט א קנעפל צוריקטוישן צו היי יאר.

## פנקס — אפדעיט #2

### בחינות און אטענדענס

עס קומט אריין א גאנצער פאק מיט געצייכענטע ׳טשעק בחינות׳, וואס די תלמידים האבן געמאכט א טשעק ביים ריכטיגן ענטפער, און אצינד דארף מען דאס אריינלייגן אינעם סיסטעם כדי צו מיטהאלטן די מצב פון יעדן תלמיד.

נעבן די בחינות ליגט א פאק פאפירן פון געצייכנטע ׳אטענדענס׳ מיט אינפארמאציע אויב די קינדער זענען געווען טעגליך צייטליך אין חדר, דאס ווארט אויך צו ווערן אריינגעלייגט סיסטעם.

די צוויי פיילס פאפירן ליגן אויפן טיש ביים מנהל אדער סגן מנהל, און עס שטייט און ווארט צו ווערן אריינגעלייגט. עס איז געוועגליך פארהאן אסאך וויכטיגערע זאכן וואס ברענען פאר ׳יעצט׳, און אריינלייגן די בחינות בלייבט פאר די לעצטע זאך. מיט די צייט ווערן די פאפירן א טייל פונעם טיש, און מען גריסט זיך יעדן טאג א גוטע נאכט, האפנדיג אז ׳מארגן׳ וועט מען האבן צייט אריינצולייגן... און דאס שטרענגט אן דעם מח מיט א שטענדיגע אומגעענדיגע טעסק.

**די גוטע נייעס:**

**סקענט בלויז אריין די פאפירן**

**עס איז אויטאמאטיש אינעם סיסטעם!**

- סקענט די בחינות אדער אטענדענס
- דער סיסטעם כאפט אויטאמאטיש אויף די טשעקס, און פילט אויס די אינפארמאציע
- איר האט אייביג א קלארע רעפארט איבער יעדן קינד אויף יעדע בחינה וויאזוי ער האט געקענט
- איר קענט קלאר זען ביי יעדן קינד וויאזוי ער איז מיטן אנקומען צייטליך אין חדר
- זעט סוף יאר א פונקטליכע רעפארט פון אלע בחינות פונעם יאר צו זען די שטאנד פון יעדן קינד וויפיל ער איז געשטיגן.

## פנקס — אפדעיט #3

### To do ליסט

מ׳דארף ערלעדיגן א חומש סעודה, סיום, טריפ, מלוה מלכה פאר מלמדים, אנגרייטן פאר א יום טוב, אא"וו. איז פארהאן א גאנצע ליסטע פון זאכן וואס מ׳דארף טון, און נישט אלעס קען מען טון יעצט, נאר א גרויס חלק דארף מען טון קומענדיגע וואך.

מען נעמט א צעטל און מ׳שרייבט אויף אלע אינפארמאציע, אדער לייגט מען דאס אריין אין טרעלא, גוגל קאלענדער, אדער גוגל שיט, און יעדע שטיק צייט דערזעט מען זיך אז דאס האט נישט געארבעט פרובירט מען אן אנדערן סיסטעם וויאזוי צו האבן קלאר פאר די אויגן וואס מ׳דארף טון.

**די גוטע נייעס:**

**פנקס; די בעסטע 'טו דו' ליסטע פאר א מנהל און סגן מנהל**

- מאך די גאנצע ליסטע פון זאכן וואס מ׳דארף טון
- יעדע טעסק קען ווערן באשטימט פאר א געוויסע טאג
- יעדע טעסק קען ווערן איבערגעגעבן פאר דעם וואס דארף דאס אויספירן
- די גאנצע סיסטעם איז גאר פשוט און נישט קאמפליצירט
- אלעס איז אויסגעשטעלט אויף היימיש אידיש פארן חסיד׳ישן מנהל
- מ׳קען אנשטעלן וועכנטליכע אדער חודש׳ליכע טעסקס
- ביים קומענדיגן מעמד קען מען נעמען די אלטע ליסטע אן דארפן פריש טראכטן אלע דעטאלן
- און נאך אסאך גאר גוטע פיטשערס

פנקס

אלעס
איז
קלאר




**Pinkos**
929.376.6110
pinkosprogram@gmail.com
pinkos.app

כאפט
א בליק
פארלאנגט א דעמא